IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**בעטהאָווענס לבֿנה־סאָנאַטע • Beethoven’s Moonlight Sonata**

By **Sh. Bastomski**, translation by Alex Weiser

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (November 2020)

For the online version of this article:

[http://ingeveb.org/texts-and-translations/sonata]

# בעטהאָווענס לבֿנה־סאָנאַטע

# Beethoven's Moonlight Sonata

Sh. Bastomski
translated by Alex Weiser

**Introduction:** This children's tale, written by Shloyme Bastomski, offers an apocryphal origin for Beethoven's Piano Sonata No. 14, Op. 27, No. 2. The sonata, which was written in 1801, only came to be known as the "Moonlight Sonata" after Beethoven's death, following an evocative description of the piece made by music critic Ludwig Rellstab. Not written for any known commission and marked with the somewhat mysterious superscription "*Sonata quasi una fantasia*," a variety of origin stories for the work have proliferated including speculation surrounding the work's dedication to Beethoven's pupil and love-interest Countess Giulietta Guicciardi.

The story here, told by Shloyme Bastomski (1891-1941), posits that the work was improvised by moonlight for a blind orphan girl and her brother. A variation of this origin myth can also be found in the 1909 film, "Origin of Beethoven's Moonlight Sonata," directed by Thomas Edison. It seems that both the film and Bastomski's Yiddish story were drawing on preexisting lore. Bastomski published the story in the March 15th, 1927 issue of his children's journal *Grininke beymelekh* for the occasion of Beethoven's 100th *yortsayt*. The story was then published again in 1928 as a standalone volume.

Bastomski was a Yiddish pedagogue and educator dedicated to creating resources for the burgeoning Yiddish school system. He created the publishing house *Di naye yidishe folksshul*, and founded and edited two Yiddish children's journals: *Der khaver* and *Grininke beymelekh*. Bastomski was also active as a folklore collector. He collected and published a variety of folklore including proverbs, aphorisms, sayings, riddles, stories, jokes, songs, and children's games; headed the folklore section of the Sh. An-ski Vilna Jewish Historical Ethnographic Society; and was a member of the folklore commission of the YIVO Institute for Jewish Research.

Bastomski saw his work with folklore and pedagogy as inextricably linked. As Itzik Gottesman explains in his book *Defining the Yiddish Nation*, "education through folklore" was at the heart of Bastomski's work: "folklore, in his vision, would nurture the child. The youth should be guided by its folk treasures in the folk tongue." And yet, while folklore was central to Bastomski's Yiddish-pedagogy project, this story is an important

reminder that writers, pedagogues, and publishers like Bastomski sought material not just from within the Jewish world, but from outside of it as well. Engaging with world literature and world culture was a key component for a movement which sought to celebrate Yiddish-language culture without being parochial

This translation was recited earlier this year as part of a program organized by YIVO called "Beethoven in the Yiddish Imagination" to mark the 250th anniversary of composer Ludwig van Beethoven's birth.

*With thanks to Dovid Braun, Stefanie Halpern, Jessica Podhorcer, Yelena Shmulenson, and Sheva Zucker.*

# Beethoven's Moonlight Sonata

Once upon a time in Bonn (the city where Beethoven was born, not far from Cologne, in Germany), on a moonlit spring evening, I visited Beethoven and invited him out for a walk.

We were walking through a dark, narrow alleyway when suddenly Beethoven came to a halt.

"Wait . . .," he said, "What is that sound? Someone is playing my sonata . . . and how well they're playing! . . ."

We stood by a small, humble house and listened with wonder.

After a while the music stopped and we heard a choked cry.

"I can't play any longer! . . ." someone's voice rang out. "This is too magnificent . . . I can't do it justice. Oh, if I could only . . . just one time . . . hear a real musician do it!"

"You're dreaming, sister," answered a second voice, "it will never happen. We are too poor, too common."

"I know, I know! . . . If only it could happen! Just once in my life to hear truly sublime music! . . ."

"Let's go in," Beethoven said. His voice trembled.

"Inside? What for?"

"I'll play," he answered, "and I'll be understood here. I'm sure of it."

He opened the door and we went in.

At the end of a table sat a young man mending an old boot.

At an old fashioned piano, leaning on the keys, sat a girl with magnificent fair hair covering her shoulders.

"Pardon," said Beethoven, "I heard music playing here, so we came in . . . I'm a musician."

The girl trembled.

The young man gave us an unfriendly and angry look.

"I heard what you said," Beethoven continued, "you wanted someone to play for you, I . . . I'd like to play for you . . ."

Our sudden appearance came off as very strange and the head of this poor little house seemed to want to get rid of us.

"Thank you!," he said, "our instrument is in bad shape and we don't have any sheet music.."

"You don't have any sheet music?" Beethoven asked with wonder. "So how do you play it then?"

He looked into the face of the young girl and it was only then that we realized that she is blind . . .

"Pardon," Beethoven implored, "tell me, where did you hear what you were playing just now?"

"Some years ago," the girl explained, "a woman lived near us who was a good piano player . . . in spring and summer I would stand by the open window of her house and listen . . . I remembered this . . ."

Beethoven didn't answer. He silently sat down at the piano and began playing.

As soon as I heard the first note, I understood what was happening. Never, not before and not since, have I heard such music. Never and for no one had Beethoven played with such inspiration as on that evening, in that little house of the poor shoemaker and his blind sister.

The tone of this old instrument seemed to suddenly change and it sounded gentle, deep, solemn . . .

The brother and sister were silent, breathless, full of wonder, enraptured.

The brother stopped his work. The sister stood by the piano with wide open unseeing eyes, pressing her hands to her chest, as if she were afraid that her racing heart would disrupt the harmony of the enchanting sounds.

The lone candle that illuminated the room suddenly brightened. The little flame flickered and went out . . .

Beethoven stopped playing.

I opened the shutters.

Waves of moonlight flowed into the room. It became brighter than before.

The image of the great musician at the piano stood out sharply in the dark corner.

His head sank down onto his chest, his hands lay motionless on his knees.

He was immersed in deep thought.

Several minutes passed.

The young man stood up and approached Beethoven.

"Wonderful!" he said softly and slowly. "Who are you? Where are you from?"

"Listen . . ." Beethoven said softly and, instead of answering, he began to play his sonata—the same one that the blond girl had played.

They both let out a rapturous cry as he finished.

The brother and sister threw themselves at Beethoven, they grabbed his hands and they showered them with kisses and tears.

"We recognized it! You're Beethoven," they said.

He stood up to leave.

"Play something else for us! . ." They implored, "one more time!"

He didn't protest and sat down once again at the piano.

As earlier the moon shone, serene and bright, illuminating his majestic powerful head, his noble figure.

"I'd like to create something new," he said, "write a new sonata dedicated to the moonlight."

He looked out the window, to the heavens where the moon was swimming around, where the distant stars sparkled.

He touched the piano and the old instrument began to give out delicate solemn tones, which began to grow louder and fill the whole room, just like moonlight spread over slumbering nature.

Then came quick and joyful sounds, full of life and cheer, just like an elf-dance in an enchanted meadow.

Then came the finale, full of inspiration and strange, incomprehensible foreboding.

He carried us far away, somewhere distant on his powerful wings and left us enchanted and deeply moved.

"All the best!" he bid us farewell, pushing back the piano bench and walking to the door, "all the best! . . ."

"Will you ever come to us again?" the brother and sister asked together.

He remained still for a moment, looking at the blind girl with a compassionate, gentle glance.

"Yes, yes," he said suddenly, "I will come and give you some lessons . . . I will come, definitely . . ."

And we were off.

"I'm going home," Beethoven said, "I have to write down my Moonlight Sonata, while I still hear it ringing out."

And he sat down working on it the entire night and into the next morning.

And that's how Beethoven's famous Moonlight Sonata came into being—which delights us to this day and will bring joy to the world forever.

# בעטהאָװענס לבֿנה־סאָנאַטע

דאָס איז געווען אין באָן (די שטאָט, וווּ בעטהאָווען איז געבאָרן געוואָרן, ניט ווײַט פֿון קעלן, אין דײַטשלאַנד).

אין אַ לבֿניקן פֿרילינגס־אָוונט בין איך אַ מאָל אַרײַנגעקומען צו בעטהאָווענען רופֿן אים שפּאַצירן.

מיר זײַנען געגאַנגען דורך אַ שמאָל פֿינצטער געסל. פּלוצלונג איז בעטהאָווען שטיין געבליבן.

– וואַרט... – האָט ער געזאָגט – וואָס זײַנען דאָס פֿאַר אַ קלאַנגען?...
עמעצער שפּילט מײַן סאָנאַטע... און ווי גוט ער שפּילט!...

מיר זײַנען געשטאַנען בײַ אַ קליינעם אָרעמען הײַזל און מיט התפּעלות זיך צוגעהערט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך די מוזיק איבערגעריסן און מיר האָבן דערהערט אַ פֿאַרשטיקט געוויין.

— איך קאָן מער ניט שפּילן!... – האָט זיך דערהערט עמעצנס אַ שטים – דאָס איז צו פּראַכטפֿול... איך פֿיל, אַז איך שפּיל ניט אַזוי ווי מע דאַרף... אָ, ווען עס גיט זיך מיר אײַן, כאָטש איין מאָל דאָס צו הערן אין דער אויספֿירונג פֿון אַ גרויסן מוזיקער!...

– ס׳איז אַ חלום, שוועסטער – האָט געענטפֿערט אַ צווייטע שטים – אַ חלום, וואָס ס׳איז שווער צו פֿאַרווירקלעכן...
מיר זײַנען דאָך אַזוי געמיין, אַזוי געדריקט...

– איך ווייס, איך ווייס!... נאָר ווען עס געלינגט מיר כאָטש ווען ניט איז. כאָטש איין מאָל אין לעבן צו הערן אמתע דערהויבענע מוזיק!...

– קום אַרײַן – האָט געזאָגט בעטהאָווען, און זײַן שטים האָט אַ ציטער געטאָן.

– אַרײַן? צו וואָס?...

– איך וועל שפּילן האָט ער געענטפֿערט – און מע וועט מיך דאָ פֿאַרשטיין. איך פֿיל דאָס.

ער האָט געעפֿנט די טיר און מיר זײַנען אַרײַן.

בײַם עק טיש איז געזעסן אַ יונגער־מאַן און האָט פֿאַרריכט אַן אַלטן שטיוול.

בײַ אַן אַלטפֿרענקישן קלאַוויר, אָנגעלענט אויף די קלאַווישן, איז געזעסן אַ מיידל מיט פּראַכטפֿולע ליכטיקע האָר, וואָס האָבן באַדעקט אירע אַקסלען.

– אַנטשולדיקט – האָט געזאָגט בעטהאָווען – איך האָב געהערט דאָ שפּילן, זײַנען מיר אַרײַנגעקומען... איך בין אַ מוזיקער.

דאָס מיידל האָט אַ ציטער געטאָן.

דער יונגער־מאַן האָט אַ קוק געטאָן אויף אונדז אומפֿרײַנדלעך און בייז.

– איך האָב געהערט, איר האָט געזאָגט – האָט בעטהאָווען ווידער גערעדט – איר ווילט, מע זאָל אײַך אויפֿשפּילן, איך... איך וויל אײַך אויפֿשפּילן...

אונדזער פּלוצלונגדיק דערשײַנען איז אויסגעקומען זייער מאָדנע און דער בעל־הבית פֿונעם אָרעמען הײַזל האָט, ווײַזט אויס, געוואָלט פֿון אונדז פּטור ווערן.

– אַ דאַנק! – האָט ער געזאָגט – אונדזער אינסטרומענט איז זייער אַ שלעכטער און מיר האָבן קיין נאָטן ניט...

– איר האָט ניט קיין נאָטן? – האָט בעטהאָווען פֿאַרוווּנדערט געפֿרעגט – ווי אַזוי זשע שפּילט איר?

ער האָט אַרײַנגעקוקט אין פּנים דער יונגער מיידל און דאָ ערשט האָבן מיר באַמערקט, אַז זי איז בלינד...

– אַנטשולדיקט... – האָט בעטהאָווען זיך פֿאַרענטפֿערט – זאָגט מיר אָבער, ווו האָט איר דאָס געהערט, וואָס איר האָט נאָר וואָס געשפּילט?

– מיט עטלעכע יאָר צוריק – האָט דאָס מיידל דערציילט – האָט לעבן אונדז געוווינט אַ פֿרוי, אַ גוטע שפּילערין... אין פֿרילינג און זומער פֿלעג איך לאַנג שטיין פֿאַר די אָפֿענע פֿענצטער פֿון איר הויז און זיך צוהערן... געדענק איך עס...

בעטהאָווען האָט גאָרנישט געענטפֿערט. ער האָט זיך שווײַגנדיק געזעצט צום קלאַוויר און גענומען שפּילן.

ווי נאָר עס האָבן זיך דערהערט די ערשטע קלאַנגען, האָב איך שוין פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿון דעם וועט אַרויסקומען. קיין מאָל, ניט פֿאַר דעם, ניט נאָך דעם, האָב איך אַזאַ מוזיק ניט געהערט; קיין מאָל און פֿאַר קיינעם האָט בעטהאָווען ניט געשפּילט מיט אַזאַ באַגײַסטערונג, ווי אין יענעם אָוונט אין הײַזל פֿון אָרעמען שוסטער און זײַן בלינדער שוועסטער.

דער עצם טאָן פֿון דעם אַלטן אינסטרומענט האָט זיך עפּעס מיט אַ מאָל ווי איבערגעאַנדערשט און געקלונגען צאַרט, טיף, פֿײַערלעך...

דער ברודער מיט דער שוועסטער האָבן געשוויגן, פֿאַרשטיקט דעם אָטעם, פֿול מיט ווווּנדער און התלהבֿות.

דער ברודער האָט געלאָזט די אַרבעט. די שוועסטער איז געשטאַנען בײַם קלאַוויר מיט ברייט געעפֿנטע בלינדע אויגן, צודריקנדיק די האַנט צום האַרצן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, דאָס האַרצקלאַפּן זאָל ניט צעשטערן די האַרמאָניע פֿון די כּישופֿדיקע קלאַנגען.

די איין ליכט, וואָס האָט באַלויכטן דעם צימער, האָט פּלוצלונג אויפֿגעשײַנט. דאָס פֿלעמל האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און זיך אויסגעלאָשן...

בעטהאָווען האָט אויפֿגעהערט שפּילן.

איך האָב געעפֿנט די לאָדן.

כוואַליעס לבֿנה־ליכט האָבן זיך אַרײַנגעגאָסן אין צימער. ס'איז געוואָרן נאָך ליכטיקער ווי פֿריִער.

דאָס געשטאַלט פֿון גרויסן מוזיקער בײַם קלאַוויר האָט זיך שאַרף אויסגעטיילט אין פֿינצטערן ווינקל.

דער קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפֿן ברוסט, די הענט זײַנען אומבאַוועגלעך געלעגן אויף די קני...

ער איז געווען פֿאַרזונקען אין טיפֿע מחשבֿות...

אַזוי זײַנען אַריבער עטלעכע מינוט.

דער יונגער־מאַן האָט זיך אויפֿגעשטעלט און איז צוגעגאַנגען צו בעטהאָווענען.

– וווּנדערבאַר! – האָט ער שטיל און לאַנגזאַם געזאָגט – ווער זײַט איר? פֿון וואַנען?

– הערט... – האָט בעטהאָווען אָנשטאָט אַ תּשובֿה שטיל געזאָגט און גענומען שפּילן זײַן סאָנאַטע, די זעלבע וואָס ס'האָט פֿאַר אים געשפּילט דאָס בלאָנדע מיידל...

אַ געשריי פֿון התפּעלות האָט זיך בײַ ביידן אַרויסגעריסן בײַם ענדיקן.

דער ברודער מיט דער שוועסטער האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו בעטהאָווענען, זײַנען צוגעפֿאַלן צו זײַנע הענט, באַדעקט זיי מיט קושן און טרערן.

– מיר האָבן דערקענט!... איר זײַט בעטהאָווען... האָבן זיי געזאָגט.

ער האָט זיך געשטעלט. געוואָלט אַוועקגיין.

– שפּילט אונדז נאָך עפּעס אויף!... – האָבן זיי זיך געבעטן – נאָך איין מאָל!...

ער האָט זיך ניט געווערט און זיך ווידער געזעצט צום קלאַוויר.

ווי פֿריִער האָט רויִק און העל געלויכטן די לבֿנה און באַלויכטן זײַן מאַיעסטעטיש מעכטיקן קאָפּ, זײַן מעכטיקע איידעלע פֿיגור.

– איך וויל שאַפֿן עפּעס אַ נײַס – האָט ער געזאָגט – אָנשרײַבן אַ נײַע סאָנאַטע און ווידמען זי דעם לבֿנה־ליכט...

ער האָט געקוקט אין פֿענצטער – אויפֿן הימל, וווּ די לבֿנה איז אַרומגעשוווּמען, וווּ ס'האָבן געפֿינקלט די ווײַטע שטערן…

ער האָט זיך צוגערירט צו די קלאַווישן און דער אַלטער אינסטרומענט האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן טענער צאַרטע און פֿײַערלעכע, וואָס האָבן זיך געהויבן אין דער הייך און אָנגעפֿילט דעם גאַנצן צימער, גלײַך ווי דאָס לבֿנה־ליכט האָט זיך צעשפּרייט איבער דער שלומערנדיקער נאַטור.

נאָך זיי זײַנען געקומען קלאַנגען האַסטיקע און פֿריידיקע, פֿולע מיט לעבן און לוסט. פּונקט ווי אַן עלפֿנטאַנץ אויף אַ פֿאַרכּישופֿטער לאָנקע.

דאַן איז געקומען דער פֿינאַל – פֿול מיט באַגײַסטערונג, מיט מאָדנער אומפֿאַרשטענדלעכער אימה.

ער האָט אונדז אַוועקגעטראָגן ווײַט, ערגעץ ווײַט אויף זײַנע מעכטיקע פֿליגלען און איבערגעלאָזט באַצויבערטע און טיף גערירטע.

– אַ גוטן! – האָט ער זיך געזעגנט, אָפּרוקנדיק דעם שטול און גייענדיק צו דער טיר – אַ גוטן!…

– איר וועט נאָך ווען קומען צו אונדז נאָך אַ מאָל? – האָבן געפֿרעגט פֿאַר אַ מאָל דער ברודער מיט דער שוועסטער.

ער איז געבליבן אַ ווײַלע שטיין, האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן בלינדן מיידל מיט אַ רחמנותדיק־צאַרטן בליק.

– יאָ, יאָ – האָט ער אויף גיך געזאָגט – איך וועל קומען צו אײַך און געבן אײַך עטלעכע לעקציעס… איך וועל קומען, זיכער קומען…

מיר זײַנען אַוועק.

– איך גיי אַהיים – האָט בעטהאָווען געזאָגט – איך דאַרף אָנשרײַבן מײַן לבֿנה־סאָנאַטע, כּל־זמן איך הער זי נאָך קלינגען.

און ער איז געזעסן איבער דעם ווערק די נאַכט און דעם פֿרימאָרגן.

אַזוי איז געשאַפֿן געוואָרן בעטהאָווענס באַרימטע לבֿנה־סאָנאַטע, פֿון וועלכער מיר אַלע ווערן אַזוי אַנטציקט, וועלכע וועט אייביק פֿאַרשאַפֿן די מענטשן דעם העכסטן גענוס.